




VILNO IN PICTURES INC.
34-40 93rd Street
Jackson Heights, N. Y. 11372

טייערער פריינד

ישראל רודניצקי

אוודאי וואונדערט איר זיך, וואָס זינט מיר האָבן זיך אזוי היימיש צעזעגנט אין
תל־אביב, האָבן מיר נ י ט אָנגעשריבן א פּאָר ווערטער אפילו. אויסער וואָס מען איז
פאַרהאַוועט און פארטאַרעראַמט אין נגב־יאָרקער הו־האַ, איז נאָך דאָ א באַזונדער ויהי.
די אָנזעעוודיקסטע זאַך וואָס מיר האָבן אומדערוואַרט (און אומווילנ און אומוויסיק)
מיטגענומען פון אונדזער קורצן באַזוך אין ישראל איז געווען עפּעס א משונהדיקער
ווי(ס) רוס, (וואָס האָט מיר גאָר „באַהאַנדלט" ווי א ווילדער אוקראַינישער וולאַסאָווען)
און כאָטש עס זיינען שוין באַלד אריבער צוויי חדשים, קען איך זיך נאָך אַלץ ניט באַ־
פרייען פון „פרעמדן פעקל".

און שרייבן ווילט זיך מיר דווקא צו אייך, ניט נאָר בלויז פון העפלעכקייט וועגן,
נאָר אויסצודריקן אונדזער – מיין און מיין פרוים – אויפריכטיק־האַרציקן דאַנק פאַר
אייער אַרויסגעוויזענער אויפמערקזאַמקייט, אינטערעס און פריינדלעכקייט און פאַר דער
אָנגענעמער מסיבה, וועלכע איר און אייער פרוי האָבן איינגעאָרדנט פאַר אונדזערטוועגן.

פון אונדזערע באַגעגענישן און צוזאַמענקומען מיט לאַנגיאָריקע חברים און פריינט
האָבן מיר מיטגענומען גאָר א סך אָנגענעמע און געדענקלעכע איינדרוקן. אָבער די איינ־
דרוקן פון אייער אינטערעס אין אונדז פערזענלעך און אייער הילפסגרייטקייט צו געפי־
נען אויג און אויער פאַר שותפות אין רעאַליזירן אונדזערע לאַנגיאָריקע פאָרשאַרבעטן
וועגן דעם לעצטן ערב־חורבן דור פון דער שעפערישער יידישער ווילנע, האָבן אונדז דער־
וואַרעמט מיט די אינטימע אונטערטענער פון עכטער און אויפריכטיקער פריינטשאַפט און
אָנגעצונדענעם אינטערעס אין אָט דעם וויכטיקן פאָרש־פּראָיעקט.

און דעם געוווּנענעם צוטרוי און אָנערקענונגס־קרעדיט זיינען מיר שטענדיק גרייט
צו „דעקן" מיט האַרציקער דאַנקבאַרקייט.

און כאָטש אַלע גוטע און וויכטיקע פאָרשלאָגן און פּלענער זיינען פענגען געבליבן
אויף די אומזעבאַרע דראָטן אויף וועלכער עס הענגט, להבדיל, דער שלום־חלום צוגעריכט
אין קעמפּ־דעיוויד, וואַרעמט אָבער סיי־ווי דער גוטווילנקער פאַרמעסט.

שיק איך אייך איבער אונדזער אויפריכטיקן דאַנק צוזאַמען מיט די בעסטע גרוסן
פאַר אייער מיטאַרבעטערין, פאַר ד"ר מתתיהו מינץ און פּראָפ. ש. מישקינסקי און אַלע גוטע
פריינד וואָס געדענקען און דערמאָנען אייערע

ניו־יאָרק, 12טן דעצ. 1978 — לייזער און בת־שבע ראַן